UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Dos Bergl Fun Friling (Rayze Ayndrukn Fun Yisroel) / The Hill of Spring (Travel Impressions of Israel)


## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2fc485mf

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)



## Author
Jacob Friedman, Yankl Fridman /



## Publication Date
1978



## Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יאַנקל פרידמאַן

# „דאָס בערגל פון פרילינג"

## (רייזע איינדרוקן פון ישראל)

הלמאי לייקענען, ס׳האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אונטערן לעפּעלע ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג אָפּצופליען איינער אַליין אויפן „אל־על" קיין ישראל און זיין ס׳ערשטע מאָל אין לעבן אַ לופט־פּאַסאַזשיר. מ׳זאָגט אפילו, אַז פליען איז זיכערער ווי שפּאַצירן היינט אויף אַ שטאָטגאַס אין אַמעריקע, נאָר מאַלע וואָס מענטשן ריידן, בפרט נאָך דעם וואָס ס׳איז געשען נעכטן. האָב איך קודם באַשלאָסן ניט צו לייענען מער קיין נייעס אין די צייטונגען. מילא, אַזוי ווי איך ווייס ניט אַזוי וועט מיך ניט שאַטן. ווי שטעלט מען אָבער אָפּ דעם ראַדיאָ אין הויז? בפרט די מוזיק־סטאַציע, וואָס איז דאָך גאָר ווי אַ רפואה, ווייל זי לאָזט ניט טראַכטן פון פליען? איז אָט פּלוצים, אין מיטן דער „שעהערעזאַדע" אַן עקסטרא נייעס: אַן עראָפּלאַן מיט 93 פּאַסאַזשירן איז נאָר וואָס אַרונטער אין די בערג: אַלע, גלייבט מען, זיינען אומגעקומען.

פאַרמאַך איך שנעל דעם ראַדיאָ און בלייב זיצן פאַרטשמעליעט. מאָרגן דאַרף מען פליען — וואָס האָסטו, יאַנקל, מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט די שעהערעזאַדע? שוין זיך דערשראָקן? וויל דאָס ווייב וויסן. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: הער, ביילע — מאַך איך צו איר — יענע 93 פּאַסאַזשירן זיינען דאָך אַוודאי געפלויגן לשם פאַרגעניגן. אָבער איך וועל דאָך פליען לשם מצוה, זען דאָס הייליקע לאַנד, באַזוכן די הייליקע שטאָט ירושלים, דעם כותל־המערבי — וועט זיכער אַלץ דורכגיין בשלום. ווי מיינסטו, ביילע? שמייכלט זי, מיין ווייב. אַוודאי — זאָגט זי — וועט אַלץ דורכגיין בשלום. ווען אַזאַ צדיק ווי דו וועט זיין אין דער לופטן, וועלן גוטע מלאכים פליען פאַרויס דעם אל־על, פלאַטערן מיט די פליגל און זינגען: „מאַכט אַ וואַרע, ר׳ יאַנקל פליט".

און אָט איז מען שוין אין לופט־פּאָרט וואַקזאַל. ס׳איז אַ רעש, אַ טומל. אַרום מיר דאָס ווייב, די קינדער און אייניקלעך, אַלע, מערק איך, כאַפּן אויף מיר אַ זייטיקן בליק זען ווי איבערגעשראָקן איך בין פאַר מיין ערשטער לופטרייזע. אין מיטן שטייט אַ מאַשינקע מיט אַן אויפשריפט: „וואַרף אַריין אַ קוואָדער, ביזטו פאַרסטראַכירט אויף 50 טויזנט". „זע, ביילע, ס׳אַראַ מציאה", מאַך איך כלומרשט אין אַ שפּאַס. נאָר מיינע נעמט מיך פאַר אַ האַנט, פירט מיך אָפּ פון דער מאַשינקע. „וואָס עפּעס, יאַנקל, שוויצן דיר די הענט, ווי דו וואָלסט מורא געהאַט? „גיי שוין, גיי", מאַך איך זיך האַרץ, און שפּאַן די שטיגן צום עראָפּלאַן פלינק, זיכער. זיי קוקן אַוודאי, טאָ זאָלן זיי ניט מיינען אַז איך האָב מורא...

שלום! באַגריסט מיך די קראַסאַוויצע ביים טיר פון עראָפּלאַן. „שלום, שלום", ענטפער איך מיט אַ פול מויל אַן אויפגעלייגטער ווי אַן אַלטער לופט־פּאַסאַזשיר. נאָר פון טשיקאַוועס וועגן טו איך אַזוי אַ טאַפּ די טיר, פּשוט זען ווי דיק זי איז.

„פאַרציט די פּאַסעקעס, מיר הייבן זיך אויף" — באַפעלט עמיצער. „יאַנקל" — רעד איך צו זיך, האָסט דוכט זיך שטענדיק פיינט געהאַט זיין איינגעצוימט. זיי האָבן מורא, זאָלן זיי פאַרציען די פּאַסעקעס, נישט דו". און דער עראָפּלאַן האָט זיך סיי ווי אויפגעהויבן.

פליען מיר. אין דרויסן, זעט מען דורכן פענצטערל, איז שטאַרק פינצטער. מיט אַמאָל דער עראָפּלאַן צעטרייסלט זיך, ציטערט אַזש. און דאָ זע איך ווי אַ סטואַרדעס גייט שנעל, שנעל צום פּילאָטס קאַבינע און עפּעס האַלט זי אין איר פאַרמאַכטער האַנט. איז וואָס אַזוינס קאָן זי דאָרט טראָגן? אַוודאי פּילן, ווייל דעם פּילאָט איז ניט גוט געוואָרן... און דער עראָפּלאַן טרייסלט זיך, אַ שרעק. נאָר אָט גייט זי שוין צוריק. רוף איך זי צו: „זאָג מיר, טייערינקע, ווי ווייסט דער פּילאָט דעם וועג אין אַזאַ פינצטערער נאַכט?" שמייכלט זי, ווי דען! „וואָס גייט

איר אָן מיין ציטערניש", טראַכט איך, „שוין אַ מאָל טויזנט ווי ער פליט אויף דער ליניע און טרעפט אפילו אין דער פינצטער"— פרובירט זי מיך באַרואיקן. אויב אַזוי, איז ער דאָך שוין אַפּנים אַן עלטערער מענטש, לאָז איך ניט אָפּ. צעלאַכט זי זיך גאָר און גייט אַוועק. און דאָס טרייסלעניש האַלט אָן. „אַי, ווען מיין ביילע זאָל כאָטש מיטפליען, וואָלט זיין אין וועמען זיך אָנצוהאַלטן." און אַזוי טראַכטנדיק איז, זאָג איך אייך, שטיל געוואָרן, אַ חיות.

אין פענצטערל ווייזט זיך, דוכט מיר, ליכט. אין דרויסן ווערט בלוילעך. עס שאַרעט אויף טאָג, און ס'זעט אויס ווי אונדזער ריזיקער פויגל איז שטיין געבליבן אין מיטן אַזאַ מאָדנער פאַררויכערטער, פרעמדער ווונדער־וועלט. מ'פליט גאָר ניט. מיר שטייען ערגעץ צווישן הימל און ערד. אַזוי האָט אַפּנים אויסגעזען אין בראשית, איידער אַלץ איז געבראַכט געוואָרן צו אַ סדר. און אָט איבער מיין פענצטערל לייכט אַריין דער מאָרגנשטערן. „קראַסאַוויצע טייערע, עפן אויף אַ וויל ס'פענצטערל, די מלאכים זינגען אַוודאי איצט שירה, איך האָב נאָך קיין מאָל זייער געזאַנג ניט געהערט"... דאָס טאָר מען ניט", זאָגט זי, „זיי קאָנען נאָך אַריינפליען און ס'וועט ניט טויגן" שמייכלט זי ווידער. זי איז גערעכט, טראַכט איך.

פון דעם פילאָטס קאַבינע דערהערט מען אַ פריילעך קול, צי אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דאָס קול איז פריילעך, ווייל כאָטש דער פילאָט האָט גערעדט אין עברית, האָב איך דאָך קלאָר געהערט די נעמען תל־אביב און לוד. דער אל־על האָט שוין מער ניט געציטערט. דערפאַר האָט עפּעס אין מיר געציטערט... איך כאַפּ אַ קוק אין פענצטערל און דערזע אַ שוואַרצע פאַסמע ישראל־ערד. פאַסאַזשירן הייבן זיך פון די זיץ־פלעצער. איך אָבער קאָן די אויגן ניט אָפּרייסן פון עראָפּלאַן־שויב. דער דמיון ביי מיר צעשפּילט זיך. בלויז אַ קוק טאָן אויף דער ערד אין ישראל האָבן מיר דאָך חדר־ייִנגלעך געחלומט. בין איך דאָך שוין, הייסט עס, פאַרטיק, און טאַקע פאַרוואָס זאָל איך זיין מער יחסן ווי משה רבינו?

נאָר אָט האָבן די רעדער פון עראָפּלאַן אָנגערירט דעם באָדן און מיט אַזאַ גבורה זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס, אַז ס'האַרץ איז מיר שיער ניט איינגעפאַלן. וואָס איז דאָס רייסעניש, אפשר שטייט גאָר אַ ייד אין וועג !

יאָ, מיר איז קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צו וויסן דעם טייטש, וואָס עס מיינט וואַרשע צי קאַסאָווע, צי כעלם — נאָר וואָס עס מיינט תל־אביב האָב איך גראַד יאָ געוואָלט וויסן. און מיין קרוב, וואָס פירט מיך אַהין דורכן פאַרנאַכטיקן לוד, דערקלערט עס מיר, אַז תל־אביב מיינט אַ „בערגל פון פרילינג". איז כאָטש פון חומש געדענקט זיך ניט אַזאַ אָרט און אַזאַ טייטש, דער פירוש אָבער געפעלט מיר, און אין דער פרי מערטשעם וועלן מיר זיך אַרומקוקן אויפן „בערגל פון פרילינג".

געדאַרפט זיך אָנשטרענגען איבערצולייענען אַ קליין שילדעלע אויף אַ הויז, אַז דאָס איז רח' דיזינגוף, די פּאָפּולערע גאַס וואָס דערמאָנט אַזוי אָפט אין אַמעריקע. איז לאָמיר גיין. אַ קיאָסק באַקלעפט מיט מעלדונגען און אפישעס. קומט מיר איין אפיש אַנטקעגן, איז עס יאָ יידיש און ניט יידיש: „זשיגאַן וועט געבן אַ פאָרשטעלונג „דבר לענין", און אונטן אַ יידישע שורה — „רעד צו דער זאַך". קראַץ איך זיך אין דער פּאַטילניצע און פשטל אויס — דבר לענין, לענין האָט געזאָגט מ'זאָל ריידן צו דער זאַך. איז עס דאַכט זיך גאַנץ לאָגיש, גערעדט צו דער זאַך, נאָר עפּעס פּאַטיופּעט זיך מיר ניט, ווי קומט וולאַדימיר איליטש לענין צו זשיגאַנען אין תל־אביב? כאַפּ איך זיך און לאַך פון מיין סעמאַנטישער עם הארצות.

צוויי יידן מיט לאַנגע בעזימער רייניקן די טראָטואַרן, איינער מיט אַ בערדעלע און פיאות שעפּטשעט עפּעס — זאָגט אַוודאי אַ קאַפּיטל תהילים — טראַכט איך, זאָל ער זאָגן! לייבוש טרעגער אין קאַסאָווע פלעגט אויך זאָגן תהילים דזשווויגענדיק אַ שווערן זאַק מעל מיטן שטריק אויף די לענדן. און „משה רבינו" אונדזער שטעטלשער וואַסער־טרעגער, האָט אויך תהילים געזאָגט מיט די קרעמעסלעס אויף די אַקסלען.

ס׳איז נאָך גאַנץ פרי. דיזינגהאָף גאַס
לעבט שוין. אויטאָבוסן פליען פייל־אויסן־
בויגן, איינער דעם אַנדערן וויל נאָר איבער־
יאָגן, און די מענטשן, זעט אויס, ווילן
איבעריאָגן די אויטאָבוסן, ווייל זיי פאַר־
לויפן זיי דעם וועג. און זע נאָר זע: טייל
מ־אָגן עסן־קעסטעלעך! אַרבעטער אַוודאי,
אי, פּונקט ווי אין דעטראָיט, בנאמנות!
און אויפן האַרצן ווערט וואַרעם. יידישע
אַרבעטער לויפן צו דער אַרבעט אין אַן
אייגן יידיש לאַנד — איז עס ניט אַמאָל
אַ חלום? נאָר זע וויפל לעדערנע טע־
קעס מענטשן טראָגן אונטערן אָרעם. צו
וואָס טראָגט מען דאָ אַזוי פיל פּאָרטפעלן?
זיי מוזן אַוודאי זיין אינזשיגערן—ענטפער
איך זיך אַליין, ישראל, זאָגט מען, פאַר־
מאָגט אַ סך געלערנטע לייט.

אויפן טראָטואַר, די פיס אונטערזיך,
זיצט שוין אַ ייד מיט אַ שטאַרק פאַר־
ברוינט פּנים. פאַר אים זענען צעלייגט
קאָלירטע פּאַפּירלעך. איינס האַלט ער אין
האַנט און זינגט זיך אונטער: „היום יום
מזל״. „וואָסער סאָרט מזל האָט איר עס
דאָ, פעטערל?״ רייד איך צו אים אויף
מאַמע־לשון. קוקט ער מיך אָן און פאַר־
שטייט ניט. אַ זייטיקער ייד פאַרטייטשט
עס מיר — „ער פאַרקויפט לאָטערייע־
צעטעלעך״— זאָגט ער. ווערט מיר די
זאַך קלאָר: „היום יום מזל״— היינט איז
אַ מזלדיקער טאָג, איז קויפט טאַקע אַ צע־
טעלע, וועט איר זוכה זיין צו געווינען
ס׳גרויסע געווינס. אוי, אַ לעבן אויף אים,
ער זעט אַ טוריסט, וויל ער אים צושאַרן
אַ געווינסל. מ׳האָט מיר טאַקע געזאָגט,
זיי זיינען טייערע יידן, די מאַראָקער. אַ
ביסל ווייטער אין אַ בודקע זיצט אַ פרוי,
אויך פאַר איר זיינען אויסגעלייגט צעטע־
לעך. „איר פאַרקויפט אויך מזל, מאַמע־
שי?״ „נאַין״, ענטפער זי, „איך פאַרקאַוף
קאַין מזל, איך פאַרקאַוף גליקן, מעכטן זי
איינס האַבן?״ „יאַ וואָל״, זאָג איך און
גיב אַ ציטער, געקומען קיין ישראל ריידן
פאַרשאָלטענעם דייטש. וויי, וויי.

איך ווער, דוכט מיר, הונגעריק און אָט
איז אַ רעסטאָראַן מיט טרעפּלעך אַרויפ־
צוגיין און פּיצינקע טישעלעך. איז מילא,
איך בין ניט פון די שווערע פאַרשוינען;
זעץ איך מיר אַנידער. אַ יונגע בלאָנדינ־
קע טראָגט מיר אַנטקעגן אַ שמייכל:
„בבקשה״— זאָגט זי און הייבט אָן אויס־
רעכענען וואָס זי פאַרמאָגט אַלץ צום עסן.
„יידיש״— זאָג איך— „רעדט איר?״—
„לא״— דרייט זי מיטן בלאָנדן קאָפּ —
„מעיבי יו ספּיק אינגליש?״ „לא״, לא״—
לאָזט זי שוין אַרונטער דעם קאָפּ אַביסל
פאַרשעמט. „טאַטעלעך, טראַכט איך,
אפשר איז זי גאָר אַ פּאָליאַטשקע?—
„מואווי פּאַני פּאָ פּאָלסקו?״— „אָושעם
וולאָשניע״— האָט זי זיך דערפרייט זוי
זי וואָלט באַגעגנט איר יאַנעקן פון לובלין.
איז ווי געפעלט אייך? אַ געוועזענער ליט־
ווישער ישיבה־בחור פאַרשטייט נישט
בעת אַ פּאָליאַטשקע וויל ריידן צו אים לשון
קודש... און דערנאָך דערציילט זי שוין
אין איר ווייכן זינגעוודיקן פּויליש ווי אין
זייער סטאָדאָלע האָבן זיך בעתן היטלער
חורבן אויסבאַהאַלטן פינף יידן און מיט
איינעם, אַבראַמטשיק, האָט זי חתונה גע־
האַט. איצט בויט מען אַ משפחה אין
ישראל און מיט אַלע שוועריקייטן „יעס־
טעם קאָנטענטא״ און אירע בלויע אויגן
לייכטן מיט פרייד, ווען זי דערציילט ווי
די יידישע שכנים זיינען איר דאַנקבאַר
פאַר אָפּראַטעווען לעבנס אין געפאַר.

אין אַ גערטנדל שפּילט זיך אַ גרופּע
קינדער. אוי זיינען זיי שיין, די קינדער־
לעך, אדרבה, זאָגט מיר, ווו האָב איך
אַזעלכע געזען? זייער עברית איז מלא
געזאַנג און דערמאָנט מיר אונדזער ייִנגל־
שן שיר השירים ניגון ערב שבת אין חדר.
איין גרופּע שפּילט זיך אין אַ ראָד און
זינגט: שולמית, שולמית. גיי איך צו צו
איינער, וועמען די קינדער רופן חוה (מיט
צוויי פּתחן): „רעדסטו אפשר יידיש?״
פרעג איך זי. „אַביסלע״, ענטפערט זי
מיט אַ ווייכן למד, און עס רויטלט זיך
חוהלע: „יוסף, יוסף, בא נא, בא נא״,
קוועלט איר שטימעלע: „הוא מדבר בגר־
מנית״, וויקט זי מיר אָן אויף יוספן.
„שושנה, שושנה״, רופט זי אַ חברטע,
„והיא מדברת פולנית. זי האָט אַוודאי
געמיינט, חוהלע, אַז איך וויל זיך אויף
וועמען נאָכפרעגן, האָט זי פּרובירט מיר
אַרויסהעלפן מיט די שפּראַכן־קענער יוסף
און שושנה. „ביין, איך דאַרף ניט קיין
הילף, חוהלע, דיין ביסעלע יידיש איז
אפשר ניט גענוג פאַר מיר, אָבער דו
האָסט עס אַזוי שיין אַרויסגערעדט, אַז

מיין האַרץ זינגט מיט אייך אויף אונדזערע ביידע לשונות, טייערע קינדערלעך פון תל־אביב.

אַלע לויפן צום אויטאָבוס נומער 5, איז לאָמיר מיטלויפן, טראַכט איך, וווהין? ווו אַלע יידן פאָרן. אוי, ס׳אַראַ ענגשאַפט, יעדער טראָגט עפּעס אין האַנט. איינער האַלט אפילו אַ נאַקעט לעבל ברויט אונטערן אָרעם. נאָר נישט דער מיטן לעבל ברויט שאַפט די ענגשאַפט, נאָר די מיט די ליידיקע פּאָרטפּעלן. דורך זיי איז דער געדרענק, מאַך איך אָפּ ביי זיך. נאָר וואָס שמייעט ער אַזוי, דער שאָפער, אין די שמאָלע געדרייטע געסלעך? וואָס איז דאָס יאָגעניש מיט אים, ער וועט נאָך חלילה הרגענען מענטשן. וואָלט איך אוודאי וועלן ריידן מיט אים וועגן דעם. אפשר ט׳ער פאָלגן אַן אַמעריקאַנער און איינהאַלטן אַביסל. נאָר, גיי, אַז איך טרייסל זיך אויף דער הינטערשטער פּלאַטפּאָרמע, ער איז פון פאָרנט, און זיך דערשלאָגן צו אים איז ניט פאַר מיינע עלנבויגנס.

און אָט ווערט אַ ביסעלע פריילעך אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואָסי? אַ יונגער בחור איז אַריין אין אויטאָבוס דורך אַן אַנדער אַריינגאַנג. פאַרדריסט עס דעם מיטליאָריקן קאָנדוקטאָר און מ׳ווערטלט אַזוי זיך שטאַרק איבער, און שיער מיש איך זיך אַריין, אַז מ׳טוט ניט אַזוי, פון וואַנען איך קום גנבעט מען זיך ניט אַריין דורך אַ זייטיקער טיר... נאָר אַנשטאָט זיך אַריינמישן פאַרדרויכער איך אַ פּאַפּיראָס. שטייט דערביי אַ ייד און ווייזט מיר אָן אויף אַן אויפשריפט — „לא לעשן“ — לייען איך און זאָג דעם יידן, מילא, פאַרפאַלן, אַז כ׳האָב שוין פאַרדרויכערט איז „לא לעשן, ניט לעשן. אפשר מיינט עס גאָר אַזוי? שמייכלט מיין שכן, אפשר טאַקע מיינט עס אַזוי, מאַכט ער צו מיר אויף יידיש...

לעצטער אָפּשטעל פון אויטאָבוס נומער 5. פאַר די אויגן איז אויסגעשפּרייט אַ מאַרק, אַ יריד; אַז אַ כפּרה דער ביאַליסטאָקער פישמאַרק, אַמאָליקע ניו־יאָרקער אָרטשאַרד סטריט און אפשר די וואַרשעווער האַלע. ווען איך שעם זיך ניט, הערט איר, שטעל איך זיך אויף אַ סטראַגאַן דאָ אין מיטן מאַרק און רעציטיר אויף 70 לשונות אונדזער ש. פרוגס — מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך? מיט וואָס ניט, רבותי, איך בין אַהער געקומען פון איבער ימען. ווייזט מיר, איך בעט אייך, דאָס „בערגל פון פריילינג“. נאָר אָט איז אַ קראָם מיט מאלערייען פון ישראלדיקער לאַנדשאַפט. קוק איך אויף די געמעלן: גרינע בערג אַרום טבריה, שטילער בלויער כנרת, אָט דאָרט אוודאי, און אַ צופרידענער טוט מיר הנאה, וואָס כ׳קאָן עפּעס געבן צו לייען...

דער טאָג איז שוין באַלד פאַרביי. איך דאַרף אַריבערגיין די דיזינגאָף גאַס און קאָן נישט. אויטאָס, אויטאָבוסן, כלערליי מאָטאָריזירטע וועגענער און וועגעלעך פליען אָן אָן אָפּשטעל, אָן אַן איינזיגעניש פאַר פוס־גייער, און איך האָב צוגעזאָגט אַהיים צו קומען אַ גאַנצער. נאָר אָט קומט אָן אַ דין שוואַר־חנודיק מיידל, אָנגעטאָן אין אַ פּאָליציאַיִשן מונדיר, און שטעלט זיך אַוועק אין מיטן גאַס. איינעם הייסט זי גיין, דעם צווייטן לאָזט זי שטיין. און אַזוי ריטמיש דיריגירט זי מיט די הענט אַהער און אַהין. און די לויפערס, די יאָגערס, די פייפערס, פאָלגן און טוען וואָס זי הייסט. וואָס ידען מיינט איר, ס׳איז הפקר אַ וועלט? אַ לעבן אויף איר, אָט די תימנקע האָט מיך געראַטעוועט. כ׳וואָלט אפשר ביז היינט נאָך געשטאַנען אויף יענער זייט דיזינגאָף, ווען זי קומט ניט צו גיין.

אויפן וועג אַהיים דורכן געסל, וואָס טראָגט אַ הייליקן נאָמען, האָב איך זיך איינגעהאַלטן ווי מיט צוואַנגען, נישט אויסצוזינגען בקול רם ריזינס היימיש לידל: „ווי קום איך צו שיינקייט, פון וואַנען מיין קינד, די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט. ביי יעטוועדער טיר — נאָר אַ בערגעלע מיסט.“

אין הויז האָבן זיי, ווייזט אויס, זיך אָנגעשטויסן, אַז מיין ערשטער טאָג אין תל־אביב איז ביי מיר נישט געווען כולו יום־טוב. רופט זיך אָפּ דער קיבוצניק נחום, וואָס איז אַהיים געקומען צום סדר מיט די עלטערן: „אַבא“, זאָגט ער, „תמיד לדודי יעקב, כי תל אביב היא עיר לא ישראלית“ — תל־אביב, הייסט עס, איז ווייט נאָך נישט דער שפּיגל פון לאַנד. און, כ׳לעבן — ער איז גערעכט געווען...